ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | **ל"ג בעומר** | שנת תשע"א

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט א טעם אויף די גרויסע שמחה וואס אידישע קינדער פרייען זיך ל"ג בעומר **יומא דהילולא דהתנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי**, וואס מיר טרעפן נישט אפילו ביי משה רבינו ע"ה, וואס זיין יום הפטירה ז' אדר ווערט אנגערופן א תענית צדיקים.

די גמרא זאגט אין מס' עירובין (דף י"ג ע"ב) אז די תלמידי ב"ש וב"ה האבן מחליט געווען אז **נח לו לאדם שלא נברא**, און ווי דער מהרש"א איז מסביר האבן זיי אפגעציילט די מצות עשה מיט די מצות לא תעשה און זיי האבן געזעהן אז עס איז דא מער לא תעשה, האבן זיי געזעהן אז א מענטש קען גרינגער זינדיגן האבן זיי מחליט געווען אז **נח לו שלא נברא משנברא**.

פרעגן די **מפרשים** מיר ווייסן דאך אז מפי עליון לא תצא הרעות, ווי אזוי קען זיין אז דער רבש"ע האט באשאפן א מענטש אויב עס איז נישט קיין טובה? ענטפערט דער **נועם מגדים** (סו"פ ראה) לויט די גמרא (סופ"ק דקידושין) אז אויב איינער זיצט סתם און ער טוט נישט קיין עבירה ווערט דאס גערעכענט ווי ער טוט ווען א מצוה, קומט אויס אז פון נישט טון די ל"ת איז דאס ווי א מצוה און באקומט דערויף שכר, ממילא איז נח לו שנברא. אזוי אויך זאגט די גמרא אין מס' מכות (דף כ"ג ע"א) אז **רבי שמעון** זאגט **כל היושב ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה**, קומט אויס אז לויט ר' שמעון איז נח לו שנברא.

דער **בני יששכר** זאגט אז רשב"י איז אויך געבוירן געווארן ל"ג בעומר, ווייל **הקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחודש לחודש**, ממילא אפילו געווענליך ביי אנדערע צדיקים מאכט מען נישט קיין שמחה אין דעם טאג, אבער רבי שמעון וואס לויט אים זאג איך **נח שנברא משלא נברא**, לויבט מען דעם אייבערשטן אויף די עצם בריאת האדם.

*

**צדיק יסוד העולם וגו' יכול לפטור העולם, אדונינו בר יוחאי:**

דער **בינת יששכר** זאגט א הערליכער פשט פארוואס דוקא רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט **"יכולני לפטור את כל העולם מן הדין"**.

ווייל די גמ' זאגט אין פרק חלק אז די גוף און די נשמה קענען זיך ביידע פטר'ן **פונעם דין**, די גוף טענה'עט אז די נשמה האט געזינדיגט, והא ראי' ווייל ווי נאר די נשמה גייט ארויס פונעם גוף ליגט דער גוף ווי א אבן דומם און קען מער נישט זינדיגן, און די נשמה זאגט אז דער גוף האט געזינדיגט, והא ראי' ווי נאר די נשמה גייט ארויס פונעם גוף פליט זי ארויף און זינדיגט מער נישט, מה עושה הקב"ה ער שטעלט זיי ביידע צוזאמען און ער משפט זיי אינאיינעם.

זאגט דער **יפה תואר** אז די טענה פון די גוף און די נשמה איז עפ"י דין ווייל ווייבאלד איינער אנעם צווייטן קען נישט זינדיגן אליין, האט דאס דאך אן הלכה ווי **"שנים שעשו מלאכה אחת בשבת"**, וואס דאס איז א מחלוקה אין די גמרא אין מס' שבת (דף צ"ג ע"א) און רבי שמעון האלט אז ווען איינער אליין קען דאס נישט טון איז מען פטור, קומט אויס אז ר' שמעון לשיטתי' האלט אז ווען ביידע צוזאמען האבן געטון די עבירה איז מען פטור, ממילא קען ר' שמעון זייער גוט פטר'ן די וועלט מן הדין.

### טעם אויפן שיסן מיט פייל און בויגן

אין דרשות **מהר"י מינץ** איז מסביר דעם פסוק **כחיצים ביד גיבור כן בני הנעורים**, פארוואס זענען תלמידים דוקא צוגעגליכן צו חצים? זאגט ער ווייל ביי אלע כלי זיין קען מען זיך נאר באנוצן דערמיט בשעת מ'האלט דאס אין די האנט, משא"כ פיילן ווארפט מען אויף ווייט און בשעת ווען עס טוט די פעולה איז דאס שוין נישט אין דיינע הענט. אזוי אויך ווען איינער איז מעמיד תלמידים איז דאס נישט נאר אויף יעצט, נאר די תלמידים וועלן ווייטער טון די פעולה אפילו לאחר פטירתו און אלעס איז מכח דעם רבי'ן.

זאגט דער **בארנוב'ער רב זצ"ל** אז **רבי שמעון בר יוחאי** איז דאך געווען דער ערשטער וואס האט מגלה געווען **סתרי תורה**, און אלע **חכמי האמת** במשך אלע דורות זענען זיינע תלמידים, דעריבער ווערט דאס גערעכנט ווי ער איז בחיים חיותו און זיין כח באגלייט אונז ביז היינט, און דאס ווייזט מען מיטן שיסן מיטן פייל און בויגן ביומא דהילולא.

# אוצר הידיעות

## החביא בתוך מערה

דער **מדרש תלפיות** (ענף חרוב) שרייבט וז"ל: כתב לי וכו' ששמע מפה קדוש מדבר מוה"ר משה גאלאנטי זצ"ל שקיבל מהזקנים שקבלו איש מפי איש עד רשב"י זלה"ה שאילן החרובים שהיה לרשב"י במערה, כל ערב שבת היה נהפך האילן לאילן של תמרים.

אזוי ברענגט אויך דער **שבט מוסר** אז ער האט געטראפן א מדרש "רבן שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו כשהיו במערה היו אוכלין חרובין ותמרים".

אין ספר **שפתי צדיק** ווערט געברענגט אז אויב רשב"י מיט ר"א בנו האבן נאר געהאט אין די מערה וואסער און באקסער לכאורה אויף וואס האבן זיי געמאכט קידוש, זאגט ער אז רבי עקיבא דער רבי פון רשב"י פסק'ט אז יעדע מאכל אויב איז דאס זיין שפייז קען מען דערויף בענטשן ברכת המזון. ממילא אויב איז די באקסער געווען זיין קביעות'דיגע סעודה מעג ער מאכן קידוש דערויף.

זאגט ער ווייטער אז די אידן אין מדבר האבן דאך אויך געהאט נאר מן, און ווען זיי האבן געוואלט קידוש מאכן שבת קודש האבן זיי גענומען א כוס מן און אינזינען געהאט צו שפירן דערין א טעם פון וויין, און אויף דעם האבן זיי קידוש געמאכט. דאס זעלבע איז געווען מיט די באקסער האבן זיי אויך געקענט שפירן אלע טעמים וואס זיי האבן געוואלט, ממילא האבן זיי געקענט קידוש מאכן דערויף.

אין **ספר האשל** (מע' ר' אוט"ו) זאגט אז אליהו הנביא האט זיי געברענגט חלות מיט וויין ווען זיי האבן געוואלט, אזוי ווי עס שטייט אין די תיקונים אז אליהו הנביא איז געקומען צו זיי צוויי מאל א טאג. אין הגדה של פסח צמח מנחם ברענגט ער אז די מלאכים האבן אים געברענגט מצות און וויין בדרך נס.

אין ספר **אהבת ציון** ווערט דערציילט: "אין פקיעין זענען דא פופציג בעלי בתים וואס בארבעטן די פעלדער, עס איז זייער א גוט פלאץ עס פעלט דארט גארנישט, קוועלער וואסער פליסן דארט, און דארט איז דא דער באקסער בוים פון רבי שמעון בר יוחאי, דאס איז אן אלטער בוים און עס וואקסט מער נישט. אפילו די גוים ווייסן אכטונג צו געבן אויף דעם הייליגן בוים, און אויב עס פאלט אראפ א צווייגל פון דעם בוים נוצט מען דאס מער נישט, אפילו אנצוצינדן דערפון קיין שפענדל, עס האט מיר דערציילט ר' ראובן מסאנטוב אז דער בוים איז אזוי גרויס אז ער איז געזעסן מיט עטליכע מענטשן אויפן שפיץ בוים און געלערנט אינאיינעם זוהר הק'.

אין ספר **עדן ציון** שילדערט ער דאס אויסזעהן פון כפר פקיעין און די מערה פון רשב"י אויך היינטיגע צייטן איז דארט דא א קליינער ישוב פון ספרדי'שע אידן, פעלד ארבעטער, זיי זענען ארעם ברוחניות ובגשמיות, איבערן זומער פארן אהין אידן פון צפת און טברי', צוליב די לויטערע לופט און די גוטע וואסער און מילך און פעטע זיסע פירות וואס איז דארט דא, איך האב געהערט דערציילן אז אין די מערה קענען זיך נאר אריינשטופן צוויי מענטשן בדוחק דאס איז נעבן דעם דארף אויף א בארג פון שטיינער, עס איז א שרעקענדיגער פלאץ, אונטן איז דא קוואל פון גוטע שטארק פליסיגע וואסער וואס לויפט דורך אינמיטן דארף פון ביידע זייטן".

# אוצר רבותינו

## רפואות אויפן ציון פון רבי שמעון

אין איינע פון די יארן האט א עושר אפגעקויפט דעם זכות פון די **הדלקה** אויפן ציון הרשב"י פאר צען טויזענט גאלדענע רענדלעך, מ'האט מכבד געווען דעם נגיד מיט די הדלקה, און דער ציבור האט אויסגעבראכן אין פייערליכע נגינה און ריקודים מיט גרויס שמחה, ווען דער געדרענג אויפן דאך פונעם ציון איז שרעקליך.

אבער ווער האט דען געקוקט אויף די געדרענג און שטופעניש אינעם גרויסן ברען און התלהבות, און קיינער האט נישט באמערקט ווי דער עושר וואס האט געקויפט די הדלקה איז אראפגעפאלן פונעם דאך און זיך צובראכן ביידע פיס ל"ע, ער האט נעבעך געשריגן פאר יסורים, אבער קיינער האט אים נישט געהערט.

א לענגערע צייט איז ער געלעגן אויף דער ערד ביז עמיצער איז אריבערגעגאנגען און אים באמערקט, יענער פרעגט אים וואס איז געשעהן, און ער האט יענעם דערציילט וואס האט פאסירט, האט אים דער מענטש אויפגעהויבן און אריינגעטראגן אין איינע פון די צימערן און אראפגעלייגט אויפן בעט, און איז ארויסגעגאנגען זוכן א דאקטער וואס זאל אים פארגרינגערן די יסורים. למעשה האט ער נישט געטראפן קיין דאקטער אין מירון, האט ער געדארפט פארן צו די נאנטע שטאט נעבן מירון, אזוי האט דאס גענומען א לענגערע צייט ביז ווען דער איד צוריק געקומען מיט א דאקטער וואס איז גרייט געווען צו קומען אינמיטן די נאכט העלפן דעם איד.

ענדליך דער איד פירט אריין דעם דאקטער אין צימער, און ער גלייבט זיך נישט זעהנדיג אז דער בעט איז ליידיג, און דער עושר איז נישטא, ער קוקט זיך אים איינדערויסן, און ער זעהט אים טאנצן אינמיטן די רונג מיט גרויסן ברען!

ער לויפט צו צו איהם און ער פרעגט אים "וואס גייט דא פאר?! ביסטו נישט דער מענטש וואס איז פריער דא געלעגן מיט צוויי צובראכענע פיס?!".

זאגט אים דער עושר "יא! דו ביסט געגאנגען רופן א דאקטער, און איך בין געלעגן אין בעט ווי א שטיין און זיך געוואלגערט פאר יסורים, פלוצלונג האט זיך באוויזן צו מיר **רבי שמעון בן יוחאי** און ער זאגט מיר "דו האסט היינט געמאכט א גרויסע שמחה פאר מיין כבוד, דארף איך דיך אויסהיילן, און דו וועסט זיין געזונט".

ער האט אראויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויף מיינע צובראכענע פיס, און איך האב זיך תיכף אויפגעשטעלט אויף די פיס געזונטערהייט, און איך בין ארויסגעגאנגען טאנצן מיטן עולם.

# ענייני ל"ג בעומר

ווען דער הייליגער **רבי אברהם קאליסקער** זי"ע פלעגט זיך טובל'ען ל"ג בעומר אינדערפרי, האט ער אויסגערופן מיט גרויס התלהבות "הריני מקבל עלי קדושת היום".

עס ווערט געברענגט אין נאמען פון הגה"ק דער **שר שלום פון בעלזא** זי"ע, אז ל"ג בעומר איז אזוי גרויס ווי יום כיפור. דער הייליגער **רבי ר' ברוכ'ל מעזיבוז'ער** זי"ע האט זיך נוהג געווען צו מאכן א סיום אויפן זוהר הקדוש אין ל"ג בעומר, דערנאך האט ער גענומען דעם זוהר אין די האנט, און ער האט דאס ארומגענומען אפאר שעה, און עס געקושט, זאגענדיג "איך קען דיך, און דו קענסט מיך". איינמאל האט ער זיך אנגערופן "אויב מיין זיידע דער בעל שם טוב איז געווען ווי רבן שמעון בר יוחאי, בין איך רבי אלעזר בן רבי שמעון".

איינמאל ביי די הקפות פונעם **קאזניצער מגיד** איז געווען א מורא'דיגע התלהבות, און ער האט געזאגט אז דאס איז ווייל זיין טאטע ר' שבתי איינבינדער, זיצט אין גן עדן אינעם היכל פון יוחאי דער פאטער פון רבי שמעון. ווען עס איז געווען ל"ג בעומר האט ר' שבתי געבעטן יוחאי זאל אים מיטנעמען צו די גרויסע שמחת הילולא פון זיין זון רבי שמעון, האט ער מסכים געווען בתנאי אז ר' שבתי זאל אים מיטנעמען צו די הקפות פון זיין זון דער קאזניצער מגיד.

האט דער מגיד געענדיגט "צוליב דעם איז יעצט געווען אזא גרויסע התעוררות, ווייל מיר האבן דא געהאט אזעלכע חשוב'ע געסט, מיין טאטע ר' שבתי מיט יוחאי דער פאטער פון רבי שמעון". אינטערעסאנט איז אז ר'בן ש'מעון ב'ן י'וחאי, איז די זעלבע אותיות ווי ר'בי י'שראל ב'ן ש'בתי.

עס ווערט געברענגט אין ספר **משוש כל הארץ**, אז הרה"ק **ר' משה ראזוואדאווער** זי"ע, האט געזאגט "קיין שום טאג אין יאר איז מיר נישט אזוי גוט ווי דער טאג ל"ג בעומר". איינמאל ל"ג בעומר פארנאכטס האט ער געזאגט א שאד אז די זון גייט שוין אונטער, הלואי וואלט איך געהאט די מעגליכקייט אפשטעלן די זון אויף אביסל, לכבוד די הייליגקייט פון דעם טאג".

דער הייליגער **בני יששכר** זאגט "עס האבן מיר געזאגט אנשי אמת, אז די שמחה פון ל"ג בעומר ביים ציון פונעם הייליגן תנא רבן שמעון בר יוחאי איז א שמחה שלא כדרך הטבע.